"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
## הריעו לפני המלך

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר מ"ה**
חודש אלול שנת תשפ"ה לפ"ק

# וה׳ ברך את אברהם בכל

לכבוד האי גברא רבא ויקירא, רחים ומוקיר רבנן, לבו
ער לכל דבר שבקדושה, הטפסר המרומם
מוה״ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי״ו
מעמודי התווך ומפטרוני הספרים

**לרגל שהשמחה במעונו בנישואי בתו הכלה שתחי׳׳ו**
עב״ג
הבה״ח **מנחם מענדל** ב״ר **יואל ראזמאן** הי״ו בשעטו״מ

ויה״ר מן קדם אבוהון דבשמיא שיזכה לראות רב תענוג ונחת דקדושה
מהזיווג, ומכל יוצאי חלציו, ויזכה לשמח את נפשו ואת נפש ביתו
בכל עת ועידן עם רוב שמחה דקדושה,
ואך טוב וחסד ירדפנו כל ימי חיינו
וכטו״ס אמן

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה״צ שליט״א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
בא״י 0765997840
~ ~ ~
ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכויות שמורות

מכון דורשי יחודך
הנאמר בחיזוק ע״י מורנו הגה״צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט״א

נסדר לדפוס ע״י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


יום דין - ויום שמחה.......... א
'אמרו לפני מלכיות'.......... ב
'לכו אכלו משמנים'.......... ג
דער "אידישער" גאט.......... ה
'ובזכות התָם'.......... ו
'מלך אוהב'.......... ז
התחדשות המלוכה.......... י
התקשרות ואהבת הצדיקים.......... יב
'כי כל דרכיו משפט'.......... יד
'המחובר לטהור - טהור'.......... טו
ארויסגענומען פון גיהום.......... טז
בכח התקשרות לצדיקים.......... יז
הארת ארץ ישראל.......... יח
'שיינע' קשיות... .......... יט



**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר מ"ה

## 'הדיעו לפני המלך'

## הכנה לראש השנה תשע"ה

### יום דין - ויום שמחה

עס איז מיר אמאל איינגעפאלן א זאך, דערנאך האט מיר דאס איינער געוויזן פון **חתם-סופר**[א] - ממש 'ברוך שכיוונתי'... אז ראש השנה איז צוויי זאכן, 'מצד אחד' איז דאס א הייליגער יום־טוב, א פרייליכער יום־טוב, און 'מצד שני' איז דאס א 'יום־הדין'.

כלפי 'אונז' איז דאס א יום־טוב וואס מען איז ממליך דעם אויבערשטן, מען איז פרייליך וואס מיר האבן ממליך געווען דעם אויבערשטן; דער אויבערשטער איז דאך אזא גרויסער גאט - און ער וויל אז **מיר** זאלן **אים** ממליך זיין![ב] - אט דאס איז 'כלפינו';

---

**א.** עיין דרשות חת"ס דף שס"ז, וז"ל: **חדות ה' היא מעוזכם** (נחמי' ח'). ואחז"ל אמר הקב"ה המליכוני עליכם כדי שיעלה זכרוניכם לפני לטובה (ר"ה ט"ז). כי הנה יום ר"ה אפילו חמשה עשר בשבט שהוא ר"ה לחניטת אילנות **מ"מ הוא יום שמחה ויו"ט**, כ"כ הגהמ"י ריש הלכ' ר"ה ע"ש, והסברא נותן שהוא כעין יום כתר מלוכה, שבו חוזר תחלת הבריאה שחנטו האילנות בפעם הראשון בבריאת עולם, והוא כיום גנוסי' של מלכים, ומכ"ש א' בתשרי שהוא יום גנוסי' לכל עולם כולו, **אך לעומת זה הוא יום חרדת הדין** ותחילה לימי התשובה, ואם לא עכשיו אימתי, וראוי לבכות ולהתפלל ולבקש רחמים ותחנונים. **אך אמור אומרי' עם ה' אלו, אנחנו נשליך נפשינו מנגד שלא להתעצב ביום חדות ה' אלקי ישראל ויום גנוסי' שלו, ונשמח עמו ויעבור עלינו מה. ואמנם זה הוא גופי' גורם רחמים יותר מכמה תעניות, בראות הקב"ה שהם אינם חסים על בקשת חייהם מפני כבודו ית"ש.** והיינו המליכוני עליכם ביום תחילת מלכות כדי שיעלה זכרוניכם עי"ז לפני לטובה. והיינו **אל תעצבו כי חדות ה' היא** גורם **מעוזכם.**

**ב.** עיין ליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב אות ב', וז"ל: מבואר ומובן בכל דברי רז"ל ובפרט בזוהר הקדוש ובכתבים, שעיקר שלימות האמונה הקדושה הוא להאמין שה' יתברך רוצה

עס איז א יום־טוב וואס מען איז ממליך דעם אויבערשטן דורך די 'ברכות היום', דורך דעם 'קידוש', נאכער ביים דאווענען - 'מלך על כל הארץ' (וכדו').

מען דארף טאקע שטארק ממליך זיין דעם אויבערשטן, זייער שטארק ממליך זיין, ביז מען זאל טאקע באקומען אַן אהבה צום אויבערשטן, זיך פרייען מיטן אויבערשטן. "**אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'**"[ג] גייט אויף יעדן אידן, אויף יעדן אידן! יעדער איד דארף דאס גלויבן - "אהבתי אתכם אמר ה'"![ד]

על־כל־פנים, כלפי אונז איז ראש השנה א 'יום המלָכה', א טאג וואס מען איז ממליך דעם אויבערשטן, "**ה' מֶלֶךְ, ה' מָלָךְ, ה' יִמְלֹךְ לְעֹלָם וָעֶד**".

## 'אמרו לפני מלכיות'

די **גמרא** זאגט אין ראש השנה[ה]: "**אִמְרוּ לְפָנַי בראש השנה**

---

בעבודת האדם בזה העולם **אף על פי שאי אפשר להבין זאת בשכל אנושי בשום אופן**, אעפ"כ כבר גילו לנו אבותינו ורבותינו הקדושים מימות אברהם ע"ה ומשה רבינו שהאמת הוא כן וזה כלל ויסוד כל תורתנו הקדושה. וכמו מי שהוא כופר במציאותו יתברך ח"ו, הוא כופר ומין ימח שמו, כמו־כן אפילו אם אומר שמאמין במציאותו יתברך וכופר בזה שאינו מאמין שהוא יתברך חפץ בעבודתנו הוא גם כן כופר ומין ... **וזהו עיקר החילוק שבין ישראל לבין הכופרים והמחקרים, כמו ששמעתי מפי אדמו"ר ז"ל**.

**ג.** מלאכי א, ב.

**ד.** עיין דרשות חת"ס דף ח', וז"ל: מצינו עזרא אמר (נחמיה ח) **חדות ה' היא מעוזכם**, ואיה חדוה וה' אמר גנוחי גנח? **אך בראש השנה הוא יום חדותו של הקב"ה עם ישראל כביכול מרעיו ואוהביו ובניו, וממש איהו והם חד**, ובראשית בשביל ישראל שנקראו ראשית, עלה היום במחשבתו לברוא העולם, ויען אנחנו נחשב כמלכות עצמו על כן עלינו להצטער לגנוח מלב על שאנו רואים ע' אומות העולם אין מכירים כבודו וגדלו, ובזמן המבול כתיב אצל הקב"ה עצמו ויתעצב אל לבו (בראשית ו' ו'), **אך עתה הקב"ה אינו מתעצב אלא שמח בעמו ישראל** ונחת רוח לפניו שאמר ועושים רצונו, **ואהבתי אתכם אמר ה'** (מלאכי א' ב'), אבל עלינו לתבוע עלבונו של אבינו מלכנו ... על כן יום תרועה יהיה לכם דייקא ולא לי, **כי אני חדות ה' היא בישראל**, אבל ישראל תובעים עלבונו של אביהם שבשמים, והיינו יום תרועה וגנוח.

**ה.** דף טז ע"א.

**מלכיות זכרונות ושופרות**". איז די גמרא מפרש; "מלכיות" - 'כדי שתמליכוני עליכם', "זכרונות" - 'כדי שיעלה זכרוניכם לפני לטובה', "ובמה?" 'בשופר'.

עס ווייזט אויס, ווען די גמרא כאפט אָן 'ובמה - בשופרות', אז אין שופר איז דא ביידע זאכן; אי 'המלָכה' - "**בַּחֲצֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר הָרִיעוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ ה'**"[ו], דאס גייט ארויף אויף די המלָכה פון בית המקדש וואס דארטן האט מען אלע טאג ממליך געווען דעם אויבערשטן אויף אלע עולמות. דאס איז דער ערשטער טעם פון **רבי סעדיה גאון**, [ער זאגט צען טעמים אויף שופר], ווייל מיט א שופר איז מען ממליך דעם אויבערשטן; ווען מען איז ממליך א מלך דארף מען 'תוקע ומריע' זיין 'לפניו'[ז].

און אי 'זכרונות' אויך; דער שופר איז א 'זכרון' פון דעם 'קול השופר' פון 'קבלת התורה'. און עס איז אויך א זכרון אויף דער 'גאולה האחרונה', אזוי ווי מען זאגט טאקע[ח]: "**וְעַל יְדֵי עֲבָדֶיךָ הַנְּבִיאִים כָּתוּב לֵאמֹר, כָּל יֹשְׁבֵי תֵבֵל וְשֹׁכְנֵי אָרֶץ, כִּנְשֹׂא נֵס הָרִים תִּרְאוּ**" - אזוי ווי עס וואלט געשטאנען א פאן אויף אלע בערג אז דער אויבערשטער לייזט אויס די אידן, אזוי וועט איר זען, "**וְכִתְקוֹעַ שׁוֹפָר תִּשְׁמָעוּ**" - ווי עס וועט זיין א 'קול שופר' וואס מען וועט הערן אין דער גאנצער וועלט, אלע וועלן וויסן - 'כל קצוי תבל' - אז דער אויבערשטער נעמט צוריק די אידן, און אז "אני ה' אלוקיכם".

## 'לכו אכלו משמנים'

עס איז א מפורש'ער פסוק אין 'נחמיה'. עס איז געווען גלייך נאך

---

**ו.** תהלים צח, ו.

**ז.** וז"ל: הענין הראשון, מפני שהיום תחילת הבריאה שבו ברא הקב"ה העולם ומלך עליו, וכן עושים המלכים שתוקעין לפניהם בחצוצרות ובקרנות להודיע ולהשמיע בכל מקום תחילת מלכותו וכן אנו ממליכין עלינו את הבורא יתברך ביום זה, וכן אמר דוד בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה'.

**ח.** בסדר "זכרונות" של ראש השנה, והיא מישעי' יח, ג.

וואס מען איז געקומען פון בבל, האט מען געמאכט א 'מגדל עץ', און עזרא הסופר איז געשטאנען אויף דעם, און די אנשי כנסת הגדולה מיט די חברים ארום אים, און מען האט אויפגעעפנט א תורה און געליינט, [עס שטייט נישט וואס מען האט געליינט - נאר מען האט געליינט אין די תורה], און די חברים האבן דאס אויסגעטייטשט און אויסגערעדט אלע דרשות חז"ל אויף דעם, און עס איז געווארן אזא התעוררות. זענען געווען דארט אסאך מענטשן וואס האבן געדארפט תשובה טון - האט מען אנגעהויבן אזוי צו וויינען, משונה'דיג.

האט עזרא געזאגט צו די אידן[ט]: **"לְכוּ אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וְשִׁלְחוּ מָנוֹת לְאֵין נָכוֹן לוֹ"** - טאמער איינער האט נישט אנגעגרייט, זאלט איר אים ארייטשיקן פיש מיט פלייש מיט משקאות, **"כִּי קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ, וְאַל תֵּעָצֵבוּ, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם"**![י]

מען האט דאך ממליך געווען דעם אויבערשטן, און מיר דארפן ממליך זיין דעם אויבערשטן! עס איז א זכות! א זכות! - 'איך האב היינטיגן טאג ממליך געווען דעם אויבערשטן!'[יא].

---

**ט.** נחמי ח, י.

**י.** עיין ליקוטי הלכות הל' בכור בהמה טהורה ה"ד אות כ"ט, וז"ל: שבראש השנה עיקר ההתגלות הוא היראה, **וגם אז צריכין לשמוח, כמו שכתוב בראש השנה 'אכלו משמנים ושתו ממתקים ושלחו מנות'**, בחינת משלוח מנות בחינת שמחת פורים, **ואל תעצבו כי חדות ה' היא מעוזכם**, כי זה עיקר האזהרה שהזהיר אותם אז נחמיה כשראה שנפל עליהם יראה ופחד גדול כשקראו לפניהם את התורה מחמת שראו בעצמן שעברו מאד אז כמעט על כל התורה, כי נכשלו אז בנשים נכריות, על כן אמר להם, **שאף על פי שעשו מה שעשו ועכשיו נפל עליהם יראה ונתעוררו לתשובה, יהיו נזהרין מאד מאד מעצבות**, בחינת ואל תעצבו, שלא יבאו על ידי היראה והפחד לעצבות חס ושלום, כי חדות ה' היא מעוזכם, כי ה' יתברך מחזק אותנו בשמחה וחדוה בכל מקום שאנחנו שם. **וכמו שאמר רביז"ל שאפילו אם האדם הוא כמו שהוא, תיכף שמעורר לשוב לה' יתברך תיכף הוא עבירה גדולה כשיש לו עצבות חס ושלום.** ועל כן **גם בראש השנה ויום הכפורים צריכין להתחזק להיות בשמחה** כנ"ל.

**יא.** עיין דרשות חת"ס דף ו', וז"ל: וגילו ברעדה (תהלים ב, יא). כתיב בעזרא (נחמי' ח' י') **אל תעצבו כי חדות ה' היא מעוזכם.** כי ע"י ששמחו בתחלה בקדושת ובקריאת התורה ששמעו מעזרא, על ידי זה בא להם התעוררות מלמעלה שהבינו איך רחקו מה'. **וכן הוא**

טאקע מיט אט די פשוט'עווערטער פון דאווענען - דארטן ליגט די גאנצע המלָכה, די הוילע אמונה אין דעם אויבערשטן און אין די תורה הקדושה[יב].

## דער "אידישער" גאט

מען זאגט ביים דאווענען: "**וְהוֹפַע בַּהֲדַר גְּאוֹן עֻזֶּךָ עַל כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל אַרְצֶךָ**". 'והופע' הייסט - 'ווער נתגלה', ער זאל נתגלה ווערן. מען בעט דעם אויבערשטן, 'ווער נתגלה מיט דיין גרויסקייט', 'מיט דיין גרויסע שיינקייט' -

"**וְיֵדַע כָּל פָּעוּל, כִּי אַתָּה פְעַלְתּוֹ, וְיָבִין כָּל יְצוּר, כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ, וְיֹאמַר כֹּל אֲשֶׁר נְשָׁמָה בְאַפּוֹ - ה' 'אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל' מֶלֶךְ - וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה**" - אלע וועלן זאגן און רעדן צום אויבערשטן - "אלקי ישראל" - דו ביסט אונזער גאט 'במיוחד', און מיר זענען דיין פאלק 'במיוחד' דווקא. ער איז טאקע דער גאט איבער אלעס - אויף 'דומם צומח חי מדבר' - אבער "דער אידישער גאט" - אט דאס איז "די אידישע אמונה".

---

**דרך לעולם** כשאדם עובד ה' בשמחה שוב בא לו התעוררות על שנתרחק עד עכשיו וחפץ להתקרב ומצטער, **ואמנם שוב ישמח ויגל באותו הצער שזכה לכך**. והוא ע"ד משל חולה שמתחלה לא הרגיש ביסוריו ואומר להרופאים שאין לו מכאוב כלל, ואמנם אח"כ כשהקיל חליו צער מר על יסוריו, וא"ל הרופאים שישמח עתה כי זה הוא סימן שיחזור לבריאותו. וה"נ דכוותיה, **מתחילה נכנסו לשמחת מצות יו"ט וקריאת התורה, וזכו שהרגישו חסרונם וחטאם**, ובכו בכי רב כמבואר שם בפסוק, ואמר להם עזרא **אל תעצבו**, כי **אדרבא** היא, **חדות ה' והיא מעוזכם**, שע"י שמחת מצות הראשונים והדביקות הרגשתם בחולי חטאיכם, **וזה סימן רפאות התשובה**.

**יב.** עיין ליקוטי הלכות הל' נטילת ידים שחרית ה"ג אות י"ט, וז"ל: עיקר עבודתנו באלו הימים הנוראים, **שאז עוסקין כל ישראל בתפילות ותחנונים ובשירות ותשבחות של ספר תהלים ושארי מיני בקשות ותחינות וסליחות ופיוטים וכו', שכל זה הוא בחינת תמימות ופשיטות בלי חכמות כלל, כי אנו מגלין מלכותו יתברך בתמימות לבד בלי שום חכמות**. וזהו בחינת השינה של ראש השנה שנעשה אז כמבואר בכונות.

דער **רמב"ם** זאגט אין 'הלכות מלָכים'[יג], ער רעדט דארטן וועגן די 'שבע מצוות שנצטוו בני נח', אז לעתיד וועט מען קענען נייטן יעדן גוי צו מקבל זיין די שבע מצוות. ברענגט ער אראפ אזוי: דער גוי דארף מקבל זיין די 'שבע מצוות' מיט דער ידיעה אז "משה רבינו" האט מקבל געווען מסיני אז דאס זענען די 'שבע מצוות שנצטוו בני נח'. טאמער זאגט ער, 'איך פארשטיי אז די זיבן מצוות דארף יעדער מענטש מקיים זיין', זאגט ער, נעמט מען אים נישט אָן, און ער איז נישט 'מחסידי אומות העולם, ולא מחכמיהם'. ווייל 'לאחר שניתנה תורה מסיני' גייט אלעס 'מסיני'.

אמונה אין אויבערשטן איז - "אלוקי **ישראל**"! - אט דאס הייסט אמונה אין אויבערשטן!

## 'ובזכות התָּם'

מען דארף דאך מאכן 'המלָכה'; חז"ל זאגן, וואס איז דאס 'מלכות שמים'? עס איז א מפורש'ע **גמרא**[יד], מען דארף ליינען "שמע" פאר "והיה אם שמוע" - 'כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחילה ואחר כך יקבל עליו עול מצוות'. אט די אמונה פון "ה' אלוקינו ה' אחד" אז ער איז 'אחד בעצמותו' כביכול, און 'אחד במלכותו', און 'אין עוד מלבדו', אט דאס איז 'קבלת עול מלכות שמים'. מען דארף האבן א שטארקע אמונה אין דעם בתכלית התמימות ובתכלית השלימות.

דער הייליגער רבי האט געלערנט[טו] - נאר תמימות, נאר תמימות, נאר תמימות! אט דאס איז דער קשר צום אויבערשטן, און דאס האט

---

**יג.** פ"ח הי"א, וזל"ש: כל המקבל שבע מצות ונזהר לעשותן הרי זה מחסידי אומות העולם ויש לו חלק לעולם הבא. והוא שיקבל אותן ויעשה אותן מפני שצוה בהן הקב"ה בתורה והודיענו על ידי משה רבינו שבני נח מקודם נצטוו בהן. אבל אם עשאן מפני הכרע הדעת, אין זה גר תושב, ואינו מחסידי אומות העולם, ולא מחכמיהם.

**יד.** ברכות דף יג ע"א.

**טו.** עיין שיחות הר"ן אות נ"א: חכמות אינם כלום, **רק תמימות** ופשיטות; גם עיין שם אות ק"א: כבר מבואר כמה פעמים שאין צריכין שום חכמות בעבודת הבורא יתברך **רק תמימות**

דער אויבערשטער מזהיר געווען אברהם אבינו - "**וֶהְיֵה תָמִים**", און נח איז משובח מיט דעם - "**צַדִּיק תָּמִים**". און יעקב אבינו ע"ה רופט זיך "**אִישׁ תָּם**". תמימות, תמימות[טז].

**רבי נתן** האט געזאגט, וויפיל ער האט זיך מבטל געווען צו די עצות פון רבי'ן, און וויפיל ער האט געפאלגט דעם רבי'ן, וואס 'מי לנו' אזא דביקות אין רבין ווי דער הייליגער רבי נתן האט געהאט; האט ער אבער אויסגעפירט - "די תמימות ווי אזוי דער רבי האט געוואלט, דאס ווייסט ער נישט (צו ער האט יוצא געווען!")[יז].

## 'מלך אוהב'

מיט אזא אמונה, מיט אזא תמימות, מיט אזא שלימות, באקומט מען 'אהבה'. נאך "שמע ישראל", שטייט "ואהבת את ה' אלוקיך". איך האב אים ליב, איך האב אזא גרויסן גאט, מיר דארפן זיין גליקליך, אזא שיינער גאט, אזא גוטער גאט - און ער איז מיין גאט, אזוי באקומט מען 'אהבה'.

און אויך "וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל לְבָבֶךָ"; אז מען לערנט טאקע תורה, מען ווייסט אז דאס איז תורת ה', עס איז אזוי זיס יעדעסווארט, באקומט מען אהבת ה', אזוי קומט אויס פון חז"ל.

---

ופשיטות ואמונה. ואמר **שפשיטות הוא גבוה מן הכל**. כי השי"ת ב"ה הוא בודאי גבוה מן הכל, והוא יתברך הוא פשוט בתכלית הפשיטות; מובא עוד הרבה פעמים בספרי רביז"ל.

**טז.** עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ה אות י"ח, וז"ל: וזהו, **'ובזכות התם'** דייקא 'יוציא איום לאור דינינו'. כי עיקר תיקון המשפט והדין שנזכה שיוציא לצדק דינינו הוא על ידי זכות התם דייקא, בחינת **הצדיק המתנהג בתמימות** וכנ"ל. וזה בחינת יעקב שעליו כיוון הפייטן, כי עיקר התמימות זכה יעקב בשלימות בחינת 'ויעקב איש תם'.

**יז.** עיין שיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"ב, אות תקס"ג: ביום הסתלקותו היה מוהרנ"ת מתאנח מאד; אחר כך אמר לאנ"ש: "**וואס מיינט איר קרעכטץ איך, ווייל איך האב ממעט געווען אין תורה ותפילה? ניין! וויפיל איך האב געקענט - האב איך געהיט די צייט; נאר ווער ווייסט צו איך האב יוצא געווען דאס תמימות פון דעם רבי'ן?!**".

מיין **טאטע** האט מיר אמאל געזאגט; עס שטייט דאך, "ואהבת את ה' אלוקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", און נאכדעם שטייט "והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך". זאגט ער, 'אין מקרא יוצא מידי פשוטו', דו זאלסט רעדן מיט דיינע קינדער און מיט דיינע תלמידים אז "ה' אחד ושמו אחד", און אז "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", און "ואהבת את ה' אלוקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך", אט די ווערטער זאלסטו אלעמאל רעדן[יח].

מען דארף כסדר רעדן פון אמונה, מען דארף כסדר באנייען די אמונה, אלע טאג דארף מען זיך באנייען איבער א נייעס, וויבאלד עס איז א נייע העלמה; אז עס איז א נייע העלמה, דארף מען א נייע 'המַלְכה' דאס צו מקשר זיין צום אויבערשטן[יט].

טאקע דאס לשון "**שמע** ישראל"; "שמע" מיינט - מען דארף דאס גוט דערהערן; מען דארף גוט דערהערן אז מיר האבן איין גרויסן גאט - דאס גוט דערהערן, גוט דערהערן[כ].

---

**יח.** עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ה, אות כ"ג: **עיקר האזהרה שבקריאת שמע שמזהיר על האמונה הקדושה**, כמו שאומרים "שמע ישראל וכו' ודברת בם בשבתך בביתך", **שבכל ישיבתו בביתו ידבר בהאמונה הקדושה שהוא כלל התורה.**

**יט.** עיין ליקוטי הלכות הל' ספר תורה ה"ד אות כ"א, וז"ל: **כי זה כלל גדול**, שעיקר תיקון האדם וכל העולמות התלויים בו הוא על ידי בחינת התחדשות, וכמו שהזהיר אדמו"ר ז"ל בקול רם בקול חזק מאד בעת שהוכיח אותנו ועורר והקיץ אותנו בדבריו הנוראים, ואמר אז בזה הלשון: **אלט טאר מען ניט זיין** וכו'. וכנדפס קצת מזה בסוף הסיפורי מעשיות, עיין שם. כי עיקר התשובה בבחינת התחדשות, כמו שכתוב, 'השיבנו ה' אליך ונשובה **חדש** ימינו' וכו'. וכתיב, '**תתחדש** כנשר נעוריכי' ... וזה צריכין להמשיך על עצמו **בכל יום**, כי ה' יתברך מחַדש בטובו בכל יום תמיד מעשה בראשית. וכמו כן צריך האדם לחדש מוחו בכל יום בבחינת '**חדשים לבקרים רבה אמונתך**' ... שצריכין לחדש הידיעה בכל יום בבחינה '**אשר אנכי מצוך היום' הנאמר בקריאת שמע**, שדרשו רז"ל, '**בכל יום יהיה בעיניך כחדשים**' ... כי העיקר הוא האמונה ועיקר האמונה היא להאמין בחידוש העולם כנ"ל. וזאת האמונה הקדושה צריכין להמשיך על עצמו **בכל יום מחדש**, כפי אותו יום כפי השינויים שבאותו היום בכלל ובפרט, **כי אין יום דומה לחבירו**, כמבואר בכתבי האריז"ל ומובא בדברינו כמה פעמים.

**כ.** עיין עלים לתרופה (מכתבי מוהרנ"ת) ממכתב מיום ג' צו, תקצ"א, מש"ש לבנו בזה"ל: **וצריך האדם לחדש עצמו בתשוקת האמונה בכל יום ובכל עת** ... והנה באלו הימים שלח ה' בלבי

אז מען זאל לעבן מיט דער מחשבה, איז מען א צדיק גמור. אט דאס זענען געווען די צדיקים - זיי זענען געווען תמיד דבוק אין אויבערשטן. אזוי ווי אין **ספר חסידים** שטייט[כא], אז די אבות הקדושים זענען געווען דבוק אין אויבערשטן 'כל ימי חייהם יומם ולילה - **אפילו בַּחלום**'. זיי זענען געווען תמיד דבוק אין אויבערשטן; אט דאס איז די טבע'דיגע 'המלָכה'.

דער **רבינו בחיי** זאגט[כב]: **"ענין האהבה שיתבונן האדם בתורתו ובמצוותיו וישיג בהם ה' יתברך, ויתענג באותה השגה בתכלית התענוג, ולכך סמך לו מיד 'והיו הדברים האלה', ביאר בזה ענין האהבה בה' יתברך איך היא. וכן דרשו בספרי[כג], 'ואהבת את ה' אלקיך', איני יודע כיצד אוהב האדם את המקום? תלמוד לומר 'והיו הדברים האלה'"**.

ווייטער, (זאגט דער רבינו בחיי[כד]), איז דא זייער א שטארקער ענין אין עבודת ה'; דער **מדרש** דרש'נט: "ואהבתָּ" - **'אהבהו על הבריות'** - רעדן מיט חברים וועגן יראת שמים, רעדן פון דעם אויבערשטן,

---

שזהו מה שאנו אומרים בקבלת אמונת יחודו יתברך אומרים תחילה אלו השני תבות **"שמע ישראל"**. ולכאורה היה די לומר העיקר היחוד שהוא **"ה' אלקינו ה' אחד"**, ולמה לנו להתחיל מקודם באלו השני תיבות "שמע ישראל"? אך אלו השני תיבות באים לעורר לב האדם **שיַטה אזנו ולבו היטב למה שהוא אומר, ושיהיה בעיניו חדש לגמרי בכל עת.** ועל כן אומרים תחילה 'שמע ישראל', כי כששמשמיעין דבר חדש אומרים תחילה 'שמע היטב מה שאספר לך'. וזהו בחינת אלו השני תיבות 'שמע ישראל' שאומרים קודם אמונת היחוד, לעורר לב ישראל שיַטו אזנם ולבם היטב לשמע מה שאומרים **שיהיה בעיניהם כחדשים** דייקא, וכמו שאמרו רז"ל (ברכות יג) על פסוק זה "שמע" - השמע לאזניך מה שאתה מוציא מפיך, היינו, הטה אזניך ושמע היטב היטב מה שאתה מוציא מפיך, ולא יהיה בעיניך כדבר ישן ח"ו, עכ"ל. וכעי"ז בליקוטי הלכות הל' קרי"ש ה"ה, עיי"ש.

**כא.** סי' קס"ה.

**כב.** על פסוק 'ואהבת את ה' וכו'.

**כג.** ואתחנן לב.

**כד.** שם בהמשך, וז"ל: ואהבת את ה' אלקיך - אהבהו לפני הבריות, כדרך שעשה אברהם שקראו הקב"ה (ישעיה מא, ח) אברהם אוהבי. ביארו לנו החכמים ז"ל בדבר זה כי ענין האהבה בשם יתברך הוא מי שמצדיק הרבים ומקרב אותן לחיי העולם הבא, ועל כן הביאו ראיה מאברהם.

רעדן פון דער אמונה הקדושה, דאס זאל זיין די 'שיחת חברים', דאס זאל זיין דער 'ושננתם לבניך' - רעדן מיט די קינדער.

## התחדשות המלוכה

על־כל־פנים, מען דארף זיך באנייען אין דער זאך פון 'המלָכה' שטארקער און שטארקער, בפרט ראש השנה[כה], מיט א גרויסע שטארקע אמונה - 'איך האב א הייליגן גאט, איך האב א גרויסן גאט, ער איז מיין גאט, איך ווער 'נקרא על שמו', מיין נאמען איז "ישראל", 'שמו משותף בשמנו'.

דער תיקון פון אלע עולמות, און דער גילוי אלוקות פון אלע עולמות וואס דער אויבערשטער וויל אז עס זאל נתגלה ווערן, איז נאר תלוי אין אידישע מעשים, נישט אין קיין אנדער זאך.

עס דארף זיין אזוי חשוב ביי אונז יעדע שטארקע 'אמונה', יעדע ברכה, יעדע הודאה, יעדע פּאָר ווערטער פון תפילה, פון דארטן איז מען 'שואב' די 'המלָכה'; אט דאס איז כלפי אונז.

אבער כלפי דעם אויבערשטן איז דאס א 'יום הדין'. עס שטייט[כו]: **"תִּקְעוּ בַחֹדֶשׁ שׁוֹפָר בַּכֶּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ וכו' מִשְׁפָּט לֵאלֹקֵי יַעֲקֹב"**, דער אויבערשטער איז דַן די וועלט. די **משנה** זאגט[כז]: **"בארבעה פרקים העולם נידון, בראש השנה כל באי העולם עוברים לפניו כבני מרון"**.

---

**כה.** עיין ליקוטי הלכות הל' ספר תורה ה"ד הנ"ל בהמשך, וזל"ש: ובחינת זאת, דהיינו בחינת התחדשות, דהיינו התחדשות המוחין והאמונה הקדושה נמשך בכל יום בבחינת 'חדשים לבקרים', ובכל שינוי הזמנים שהם ראשי חדשים וימים טובים שבהם נמשך התחדשות המוחין יותר. **והעיקר בראש השנה** שאז היה חידוש העולם, כי בראש השנה נברא העולם, ואז עיקר בחינת ההתחדשות על כל השנה כולה כנ"ל ... **ועל כן צריכין לנסוע לצדיקי אמת על ראש השנה** לקבל מהם קדושה מבחינת רוח הקודש שלהם כדי לזכות בשלימות לאמונת חידוש העולם כדי שיזכה להמשיך על עצמו בחינת חידוש העולם שלעתיד בכל יום וכנ"ל, **דהיינו שיתחיל בכל יום מחדש ולא יפיל אותו שום דבר שזה עיקר התשובה** כנ"ל.

**כו.** תהלים פא.

**כז.** ראש השנה פ"א מ"ב.

זאגט דער **רע"ב**: אזוי ווי כבשים וואס מען לאזט זיי ארויס פון א קליין טירל, וואס זיי קענען נישט ארויסגיין נאר איינס ביי איינס.

מען דארף מקשר זיין ׳אמונה׳ צו ׳תפילה׳; מען דארף האבן אזא שטארקע ׳אמונה׳, אז עס זאל זיך אליין עפענען די מויל און רעדן צום אויבערשטן און מען זאל שפירן אז אלץ איז פון אויבערשטן; ביי סיי וואס מען דארף נאר געהאלפן ווערן, דארף זיך אליין עפענען די מויל צום רבונו של עולם - ׳דו פירסט דאך דער וועלט, ׳אין עוד מלבדך׳, העלף, העלף! אלעס טוט זיך זיך דאך פון דיר, ׳אין עוד מלבדך׳!׳.

אויף **"וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה"**[כח] זאגט דער תרגום - **"פריסן בצלוי"**. משה רבינו האט געהאט אזא שטארקע אמונה, אז עס האט זיך אים געעפנט די מויל מיט אמונה, און ער האט געבעטן דעם אויבערשטן, עס איז געקומען פון אמונה.

דער **זוהר הקדוש** זאגט טאקע ביי מלחמת עמלק[כט], עס איז נאך קיימאל נישט געווען אזא שווערע מלחמה, און עס וועט שוין קיינמאל נישט זיין - אפילו מלחמת גוג ומגוג. דערפאר האט ער געזאגט נאכדעם[ל]: **"ה׳ נִסִּי"**, עס האט זיך געטון מורא׳דיגע מורא׳דיגע ניסים.

על־כל־פנים, דאס איז דער פתרון און די המתקה פון דעם ׳יום הדין׳. ווייל לכאורה וואס ענטפערן מיר אויף דעם (שאנו שְׂמֵחִים)? עס איז דאך דא אַן ׳אימת הדין׳ - וואס איז דער פתרון פון דעם? וואס איז די המתקה פון דעם?

׳המלָכה׳!

---

**כח.** שמות יז, יב.

**כט.** ח"ב דף ס"ה ע"ב.

**ל.** שם פסוק טו.

- 'איך האב א גאט, דו ביסט מיין גאט, איך גלויב אין דיר, דו פירסט דער וועלט, איך האב ליב דעם אויבערשטן, ער טוט מיר אזוי פיל גוטס 'בלי שיעור ובלי גבול'!'.

מען דארף דאנקען אסאך, לויבן אסאך, "**כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָ-הּ**"[לא] - 'על כל נשימה ונשימה'[לב], אויף דעם איז געבויעט די גאנצע תפילת ראש השנה. נאך אזא המלָכה ווי עס דארף צו זיין, איז די תשובה וואס מען טוט, 'עוונות נתהפכים לזכיות', אט דאס איז 'תשובה מאהבה'.

נאר וואס דען, אז מען גייט תשובה טון, קומען אָן אסאך 'פגעי הנפש' וואס זיי לאזן נישט תשובה טון, 'דאס' ווסטו נישט קענען יוצא זיין, 'דאס' ווסטו נישט קענען יוצא זיין, און נאך כהנה וכהנה, דער בעל־דבר האט אזויפיל דרכים צו מבלבל זיין דער תשובה - 'בלי גבול'. אבער מען דארף וויסן, אט דאס איז דער עיקר תירוץ, משלים זיין.

### התקשרות ואהבת הצדיקים

עס איז געווען אמאל א מעשה מיט א מענטש, כ'ווייס נישט צו בזמן הבעל שם אדער שפעטער, וואס ער האט זיך דערוואוסט די גרויסע אמונה פון בעל־שם־טוב.

(אגב, בענין גודל אמונתו של הבעש"ט;) אמאל איז דער **בעל־שם** ארויסגעגאנגען מיט אפאר תלמידים. איז געשטאנען דארט א וואגן מיט עטליכע שטאָק שטרוי. האט ער געפרעגט צו זיי גלויבן אז יעדעס שטרוי - דער ליגט 'אזוי' און דער ליגט 'אזוי', דער ליגט אויף 'דעם' און דער אויף 'דעם', דער אויף 'דער' זייט און דער אויף 'דער' זייט, צי אלעס איז בהשגחה פרטית? - האבן זיי זיך דערשראקן[לג].

---

**לא.** תהלים קנ, ו.

**לב.** בראשית רבה יד, ט.

**לג.** עיין ספר 'שומר אמונים' - מאמר השגחה פרטית פרק טז, ובספר 'אמרו קדוש' מהרה"ק ר' אורי סטרעליסקער זי"ע.

(עוד מענין גודל אמונתו של הבעש"ט) דער **קאָמאַרנער** זאגט[לד], ער האט געהאט אזא שטארקע אמונה, אז ווען ער פלעגט הערן אז עס גייען פערד, עס קלאפט און עס רודערט, האט ער געהאט אזא אמונה אז יעדעס קלאפ איז פון בורא עולם - אז ער האט אנגעהויבן צו הערן 'עתידות' פון דארט...[לה].

(חוזר למעשה הנ"ל;) איז יענער פלעגט ליידן פון 'בלבולי אמונה'. האט ער זיך מקשר געווען אין דעם בעל שם'ס אמונה. דאס איז דאס, נישטא קיין קשיות, דאס איז דאס, דאס איז דאס.

דאס איז 'התקשרות צו א צדיק', שפירן די אמונה פון צדיק, די קדושה פון צדיק, די השגות פון צדיק, די דביקות פון צדיק. דאס חיות וואס מען זעט אין די ספרים, די גרויסקייט וואס מען זעט אין די ספרים, אט דאס רופט זיך 'התקשרות לצדיקים'.

די גאנצע וועלט פרעגט - וואס איז דאס 'התקשרות לצדיקים'? דער **רבי** האט זאגט בקיצור[לו]: 'אהבה צום צדיק', 'אהבה צום צדיק'!

---

**לד.** עיין 'לקט אמרי פנינים' אות כ"ה: לפעמים שומע מקול גוי בשוק - מה שצריך לו לתיקון נפשו לשעתו; **אפילו מהכאות פרסות רגלי סוסים ומכל שכן רגלי אדם יבין אדם עתידות.**

**לה.** בספר אוסף אמרים (אמונה ותפילה, מאמר י"ב) מוסיף מורינו הגה"צ שליט"א על סיפור זה, וז"ל: ובאמת שכן, שהרי צעדי הסוסים הם מהשי"ת - וכי יש לסוסים כח ללכת מעצמם או להכות בעצמם - והכל הוא מהשי"ת, וממילא שמע עתידות גם מקול מצהלות הסוסים בפרסותיהם. ומבאר רבינו שם בתורה הראשונה, שאע"פ שע"י מה שמסתכל בשכל שבכל דבר אפשר להאיר הרבה הארות, עכ"ז אין מתחילים עם השכל, עם בחינת 'החכמה', לפי ששכל האדם מעורב טוב ורע, עם להט החרב המתהפכת המעורבת בטוב ורע, לכן יש להתחיל העבודה עם בחינת 'מלכות', ואת בחינת מלכות כאן מבאר מוהרנ"ת בליקוטי הלכות, שזהו האמונה והתמימות. ובקיצור: רק על ידי אמונה אפשר לראות את האור הגדול של חכמת השי"ת המאיר בכל דבר.

**לו.** ליקוטי מוהר"ן סי' קל"ה: **ועיקר ההתקשרות הוא אהבה, שיאהב את הצדיק אהבה שלימה,** כמו שכתוב (בראשית מ"ד): "ונפשו קשורה בנפשו", ותרגומו: 'חביבא לה כנפשיה', וכמו שכתוב (שמואל א י"ח): "ונפש יהונתן נקשרה בנפש דוד".

- 'אזא ערליכער איד, אזא בעל השגה, אזא עובד', אט די אהבה צום צדיק, דאס איז 'התקשרות לצדיקים'.

## 'כי כל דרכיו משפט'

עס איז געווען אמאל א מעשה אין דער צייט פון רבי'ן[לז], א שרעקליכע מעשה, א שטארק הסתר-פנים'דיגע מעשה; איינער האט מקפח געווען א אידן זיין גאנצע פרנסה, האט ער דאך געטון א גרויסע עבירה מיט דאס מקפח זיין יענעם דער פרנסה. און דער מקפח האט נישט געהאט קיין קינדער. איז נאכדעם וואס ער האט יענעם מקפח געווען דער פרנסה, האט ער געהאט א קינד...

האט דער **רבי** אויסגעפירט: **"און אזוי פירט דער אויבערשטער דער וועלט!"** - אזוי האט דער רבי געזאגט.

דער אויבערשטער ווייסט וואס ער טוט, עס איז נישטא קיין קשיות, עס איז נישטא קיין קשיות - 'אין עוד מלבדך'! איי איך האב א קשיא? מען דארף גלויבן - און מען וועט פארשטיין פשט שפעטער.

דער **רבי** האט געזאגט, די גאנצע בריאה איז איין מעשה, גאר אַן אינטערעסאנטע שיינע מעשה. די וועלט זאגט, "א נאַר ווייזט מען נישט קיין האלבע ארבעט"... אז עס וועט קומען די גאולה, דער התגלות, וועלן נתבטל ווערן אלע קשיות.

דער אויבערשטער זאל טאקע 'מאיר פנים' זיין, און 'מופיע' זיין, וועט נתגלה ווערן די ריכטיגע המתקת הדינים אויף אונז און אויף דער גאנצער וועלט, מען וועט זען בפועל ממש אז אלעס איז פון אויבערשטן, מען וועט דאנקען דעם אויבערשטן, מען וועט לויבן דעם אויבערשטן, און דאס וועט ממשיך זיין 'השגחה', 'שמחה', 'השלָמה', עס וועט נשלם ווערן אלע חסרונות ברוחניות ובגשמיות.

---

**לז.** מובא בשיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"א, אות תקל"ד.

**'המחובר לטהור - טהור'**

מען דארף וויסן, מיט דער זאך וואס מען איז זיך מתקשר צו א צדיק, ווערט געטון מיט זיין נשמה תיקונים נפלאים! "**הדבוק בטהור טהור**"[לח], עס איז ממש אזוי!

כ'האב אמאל געזען פון דעם **חתם סופר**[לט]. עס שטייט[מ], ווען מען האט מספיד געווען יהושע'ן, איז געווארן דעמאלס אַן ערד ציטערניש... דער בארג האט געוואלט אראפפאלן אויף זיי און זיי הרג'ענען וויבאלד זיי האבן אים נישט מספיד געווען כראוי.

זאגט דער חתם סופר, מען האט אים יא מספיד געווען כראוי, אבער מען האט אים נישט מספיד געווען ווי מען איז מספיד משה רבינו.

אז ער איז געווען מקושר צו משה רבינו, וואלט מען אים געדארפט מספיד זיין אזוי ווי משה רבינו, ער האט גהאט אלע זכיות פון משה רבינו; אט דאס הייסט 'התקשרות צו א צדיק'.

---

**לח.** עפ"י מס' כלים פי"ב מ"ב. ועיין בליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה אות ל"ח, וז"ל: וזה בחינת **שלשה ספרים נפתחין בראש השנה**, צדיקים נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים, רשעים לאלתר למיתה, בינונים תלויים ועומדים עד יום כיפור. וכבר תמהו המפרשים על מאמר זה ורובם מפרשים שעיקר הכוונה על חיים נצחיים. ועל פי דרכנו יתבאר היטב בעזר ה', כי כל אלו שזוכין לאמונת חכמים ונוסעים לצדיקים אמיתיים על ראש השנה כולם נקראים בשם צדיקים על שם הצדיק שהם מקורבים אליו, כי **המחובר לטהור טהור**, **ועל כן הם נחתמין לאלתר לחיים**, עכ"ל. ובהל' נזיקין ה"ה אות י"ז מוסיף על זה בזה"ל: צדיקים הם הנלוים להצדיקי אמת היושבים על המשפט - הם נכתבין לאלתר לחיים, כי בודאי יעלו אותם הצדיקים אל הדעת דקדושה לחיי עולם, כי אפילו אם יש בהם פגמים כי אין צדיק בארץ וכו', **ואפילו אם יש בהם פגמים רבים וקלקולים הרבה מאד הם בכלל צדיקים** מאחר שדבקים ומתקרבים להצדיקי אמת, **כי הדבוק לטהור טהור**, כי הצדיקים זה עיקר עסקם, לקרב כל הרחוקים המתגעגעים וחותרים להתקרב אל האמת, ועליהם נאמר: ועמך כולם צדיקים וכו'.

**לט.** עיין דרשות חת"ס דרוש לכ"ה אלול דף שמ"ו טור א'.

**מ.** גמ' שבת דף ק"ה ע"ב.

עס שטייט פון **אר"י הקדוש**[מא]; 'תפילה' איז דאך 'במקום קרבן', און ביי א קרבן שטייט[מב]: "כָּל אִישׁ אֲשֶׁר בּוֹ מוּם לֹא יִקְרָב". מיר זענען דאך אבער פול מיט מומים, פול מיט חסרונות, מען דארף דאך זיין גאנץ מיט אלע מידות, מיט קיום התורה והמצוות, דאורייתא'ס און דרבנן'ס, מיר זענען דאך פול מיט חסרונות, 'שותה מים הויא לה כמים'. זאגט ער, דו זאלסט מקבל זיין צו ליב האָבן יעדן אידן 'כמוך', האסטו אלע זכויות, ווערסטו א שלם, און מען נעמט אָן דיינע תפילות.

אט די קבלה - זאגט ער - דארף מען טון פארן דאווענען 'קודם שיעשה שום דבר', גלייך ווען ער גייט אריין אין שול ווען ער קומט אריין צום דאווענען.

## ארויסגענומען פון גיהום

מ'האמיר מברר געווען אויף דער צווייטער תורה אין **ליקוטי מהר"ן** אלע יסודות פון 'תורת התקשרות לַצדיק', פון מקרא משנה גמרא, פון ראשונים און אחרונים[מג].

די **גמרא** זאגט[מד], רבי יוחנן האט געזאגט אז ווען ער וועט שטארבן וועט ער ארויסנעמען 'אחר' פון גיהנום. עס איז דאך געווען אזא התגלות אלוקות, פון אחר'ס קבר איז ארויס תמיד א רויעך פון פייער, מען האט מרמז געווען אז ער ברענט אין גיהנום. האט רבי יוחנן געזאגט אז ער וועט מתפלל געווען אז מען זאל אים ארויסנעמען פון גיהנום. ווי רבי יוחנן איז נסתלק געווארן, "פסק קוטרא מקבריה דאחר", עס איז געווארן אויס-רויעך...

---

**מא.** עיין אוצרות חיים בהקדמה; גם עיין שער הגלגולים הקדמה ל"ח.

**מב.** ויקרא כא, יח.

**מג.** עיין ספר 'דרך כוכב' של מורינו שליט"א על ליקוטי מוהר"ן סי' ב.

**מד.** חגיגה דף טו ע"ב.

האט דער ספדן מספיד געווען רבי יוחנן, האט ער געזאגט: "**אפילו שומר הפתח של גיהנום לא עמד לפניך רבינו!**" - דו ביסט שוין געווען אין גיהנום, מען האט דיר אריינגעלאזט, און דו האסט ארויסגענומען אחר'ן - און דו האסט אים אריינגעבראכט אין גן עדן; אַן ענין פון 'כח הצדיקים'.

כ'האב געזען נישט לאנג פון דעם **קאמארנער**, א יחוד מיט שמות ווי מען איז זיך מקשר מיט דעם בעל־שם, און א יחוד פון שמות ווי מען איז זיך מקשר צום אר"י הקדוש - אַן אינטערעסאנטע זאך [- עס איז געדרוקט אין ספר בעל־שם־טוב על התורה[מה]].

ביי אונז איז דאס אבער 'בפשטות', 'בפשטות', שפירן דעם צדיק, גלויבן אין צדיק, האבן אמונה אין דער גרויסקייט פון צדיק, אין די דביקות פון צדיק, אין דער קדושה פון צדיק, דאס גיט 'אהבה'.

## בכח התקשרות לצדיקים

דער **חיד"א** ברענגט אראפ[מו], עס איז געווען א איד אדער א רב וואס האט געלערנט זייער אסאך "אלשיך", ער האט געהאט א גרויסן חיות אין אלשיך. אמאל איז געווען א גרויסע גזירה אויף דער שטאט, איז געקומען דער **אלשיך** צו אים בהָקִיץ און ער האט אים אנגענומען און ער האט אים ארויסגעפירט אז ער זאל נישט גע'הרג'עט ווערן; דאס איז התקשרות צו א צדיק. אז ער האט אסאך געלערנט דעם אלשיך, און אין יעדעס ווארט האט ער געשפירט דעם אלשיך, טוט אים דער צדיק א טובה אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

מ'דערציילט אז עס איז געווען אמאל אין דער צייט פון רבי נפתלי'ן - דעם רבי'נס תלמיד - א איד, א גליקליכער איד, וואס שבת האט ער געלערנט א גאנצן טאג "אור החיים הקדוש", תמיד.

---

**מה.** עיין שם במקור מים חיים פר' ואתחנן אות י"ג.

**מו.** עיין 'שם הגדולים' בערך המהר"ם אלשיך מש"ש: וראיתי כתוב, דבצרות פולין נגלה בהקיץ לחכם אחד שהיה רגיל לומר דרשותיו והצילו מתוך ההפכה.

איז געווען אמאל וואס ער האט נישט פארשטאנען פשט אין אַן אור־החיים הקודש, איז ער איינגעשלאפן, איז געקומען צו אים אין חלום דער אור־החיים הקדוש און ער האט אים געזאגט פשט. ווען ער איז אויפגעשטאנען, איז אים געווארן ליכטיג דער פשט. האט מען דאס דערציילט רבי נפתלי'ן.

האט **רבי נפתלי** געזאגט: **"אויב ער לערנט תמיד "אור־החיים", איז אפילו ער איז נישט ראוי לכך, אבער מצד דאס התקשרות צום "אור־החיים" איז ער 'ראוי לכך'!"** [מז].

## הארת ארץ ישראל

מען זעט טאקע, מען פארט אין אומאן. מען דארף וויסן די גרויסקייט, מען שטייט נעבן 'עצמות קדושות'!

דער **ר"ן** זאגט [מח], וויבאלד עס האט שורה געווען השראת השכינה מיט אזעלכע הייליגע השגות, מיט אזא הייליגע זיו השכינה אויף דעם צדיק, בלייבט א רשימה גדולה אויף די עצמות, און די פלאץ בלייבט הייליג, און דער אויבערשטער נעמט אָן די תפילות פון דארטן; אזא הייליגע פלאץ איז דאס.

דער רבי האט דאך געשפירט ארץ ישראל, ממש ער האט געשפירט ארץ ישראל, ער איז געווארן אַן אנדער מענטש נאך ארץ

---

**מז.** מובא בשיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"ב אות תת"א.

**מח.** עיין דרשות הר"ן - דרוש השמיני: וכל שכן לאותם שהם מתקרבים אליהם ומשתתפים עמהם. ולא בחייהם בלבד כי גם אחרי מותם, מקומות קברותיהן ראויין להמצא השפע שם בצד מן הצדדים. כי עצמותיהם אשר כבר היו כלים לחול עליהם השפע האלהי, עדיין נשאר בהם מן המעלה והכבוד שיספיק לכיוצא בזה. ומפני זה אמרו רז"ל, שראוי להשתטח על קברי הצדיקים ולהתפלל שם. כי התפלה במקום ההוא תהיה רצויה יותר להמצא שם גופות אשר חל עליהם כבר השפע האלהי.

ישראל[מט]. האט דער **רבי** געזאגט: **"ביים בעל שם'ס ציון שפירט מען האָרת ארץ ישראל!"**[נ].

## 'שיינע' קשיות...

שוין. איך בין נישט אזוי בקִו אזוי פיל מאריך צו זיין, דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך באנייען צו מקבל זיין קבלת עול מלכות שמים מיט א שטארקע אמונה, מיט א שטארקע בטחון. און וואס עס פעלט אונז, די פגעי הנפש, אז מען האט א צדיק איז אלעס בסדר, נישטא קיין קשיות[נא].

דער רבי זאגט[נב], אויף אזא גאט זאל נישט זיין קיין קשיות?! מיר זאלן אים פארשטיין?! זאגט ער - עס איז 'בדווקא', עס דארף דווקא זיין קשיות.

אט דאס איז געווען דעם רבי'נ'ס אמונה[נג].

---

**מט.** עיין שיחות הר"ן אות קע"ג; חיי מוהר"ן שנ"ז; שם שפ"ב.

**נ.** עיין ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' ק"ט: סיפר עמי **מענין קבר הבעל שם טוב זצוק"ל**, שטוב מאד להיות שם על קברו. ואמר כי "צדיקים יירשו ארץ" (תהלים ל"ז), היינו שהצדיקים אמיתיים יורשים ארץ ישראל, שזוכין **שמקום גניזתם הוא קדוש בקדושת ארץ ישראל ממש**, וארץ ישראל הוא תיקון גדול לפגם הברית; גם עיין ליקוטי הלכות הל' חלב ודם ה"ג אות ז': וכמו שמספרין העולם בשם הבעל שם טוב ז"ל, שאמר; **שפעל אצל ה' יתברך שמקום קבורתו יהיה בחינת ארץ ישראל.**

**נא.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ז', ושם תניינא סי' ח', ובעוד הרבה מקומות בספרי רביז"ל, שעיקר בירור האמונה זוכין ע"י התקשרות לצדיקים.

**נב.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' נ"ב, וז"ל: בענין הקשיות שקשה על ה' יתברך, מרגלא בפומיה לומר: **אדרבא, כך ראוי להיות דייקא, שיהיו קשיות על ה' יתברך, וכך נאה ויפה לו יתברך לפי גדולתו ורוממותו.** כי מעוצם גדולתו ורוממותו, שהוא מרומם מאד מדעתנו, על כן בודאי אי אפשר שנבין ונשיג בשכלנו הנהגתו יתברך. ועל כן **בהכרח** שיהיו עליו יתברך קשיות, כי כך נאה ויפה להבורא יתברך, שיהיה מרומם ונישא מדעתנו, שעי"ז קשה הקשיות כנ"ל. ואם היה הנהגתו כפי חיוב דעתנו, אם כן היה ח"ו דעתו כדעתנו.

**נג.** עיין עוד שיחות הר"ן אות קי"ח, וז"ל: שמעתי בשם רביז"ל שאמר בלשון תמה: על ה' יתברך קשה קושיות הרבה מאד. **מה טוב ונעים להאיש הזה שזוכה לדעת שלם שיושב לו**

**רבי נתן** ברענגט אראפ[נד], דעם רבי'ן פלעגט תמיד ציטערן די פיס 'מאימת הבורא'. מען האט דאס געזען בפשטות - אזא יראה האט דער הייליגער רבי געהאט. דורך התקשרות צום צדיק ווערט א גרויסע השלֵמה, מיט גרויסע תיקונים, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן, עס זאל קומען א פרייליכע ראש השנה, מען זאל ממליך זיין דעם אויבערשטן אזוי ווי עס דארף צו זיין - בתכלית השלימות, און מען זאל טאקע זיין מקושר צום צדיק און צו אלע צדיקי הדור בתכלית השלימות, אזוי ווערט מען נשלם ברוחניות ובגשמיות, און מען איז ממתיק אלע דינים בפועל ממש.

עס זאל קומען אויף אונז און אויף גאנץ כלל ישראל א כתיבה וחתימה טובה, עס זאל זיין א גוט יאר, מיט אלע ברכות וואס יעדער איינער דארף, מיט אלע ישועות וואס יעדער איינער דארף, מיט דער גאולה שלימה שיתגלה במהרה בימינו, 'ותחזינה עינינו'.

---

**ורואה ויודע שאינו קשה שום קושיא כלל והכל נכון וישר כי ישרים דרכי ה'.** וכן אנכי שמעתי פעם אחד שאמר: על ה' יתברך קשה קושיות וכו'. וכונתו היה כמתלוצץ מזה, שקשה לקצת בני העולם קושיות הרבה וגדולות על ה' יתברך ח"ו. אבל באמת בודאי אסור להרהר אחרי דרכיו יתברך. כי בודאי צדיק ה' בכל דרכיו וכו'. רק שאי אפשר לשכל אנושי להבין דרכיו והנהגתו את העולם בשום אופן.

**נד.** חיי מוהר"ן אות רמ"ג, וז"ל: ודרכו היה תמיד שאפילו כשהיה מדבר עם בני אדם שיחות חולין היה רגלו ורוב גופו מרתתין מאד. **והיה רגלו מזדעזע ממש מאד** וכשהיה נסמך על השלחן היה השלחן עם כל שאר אנשים הנסמכים על השלחן גם כן מרתתין מחמתו כי היה רגלו וגופו מרתת ומזדעזע תמיד. ומי שלא זכה לראות היראה שהיתה מונחת על פניו תמיד לא ראה יראה מעולם. והיה עליו כל מיני חן שבעולם. והיה מלא יראה ואהבה נפלאה שבעולם. והיה מלא יראה ואהבה וקדשה נפלאה ונוראה בכל איבר ואיבר.

# ברכת מזל טוב

לכבוד ידידינו, הנדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים,
המחזיקים תורה ויראה באהבה
ה"ה

מוה"ר **סענדר גרינהוט** הי"ו

לרגל נישואי בתו הכלה הצוה"ח שתחי' בשעטו"מ

עב"ג הבה"ח **יקותיאל זלמן** ב"ר **עוזר ארי' סענדראוויטש** הי"ו

מוה"ר **משה יואל סאנדער** הי"ו

לרגל נישואי בתו הכלה הצוה"ח שתחי' בשעטו"מ עב"ג

מוה"ר **יואל אברהם ווייס** הי"ו

לרגל שמחת נישואי בנו הבה"ח **מאיר** בשעטו"מ

עב"ג בת מוה"ר **יואל ברייער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחות זו ישפע שפע רב, לנו ולכל בני ישראל, והבעלי שמחה יראו אך טוב וחסד, נחת מכל יוצ"ח, באנפין נהירין ובחדווא עילאה, בביאת משיח צדקינו בב"א

## לזכרון בהיכל ה'

לע"נ האשה החשובה והישישה, גידלה צאצאיה במסירות וחיבה

מרת **מינקא** בת ר' **יוסף יודא** ע"ה

נפטרה ב' אלול דהאי שעתא

**ת.נ.צ.ב.ה**

הונצח ע"י נכדיה החשובים

# מילא טבא וגדיא יאה

חלק האר"י מההוצאות החודש,
נתנדב ע"י ידידינו הנכבד, איש ישר וטוב לב,
עוסק בצרכי ציבור באמונה וביושר,
רחים ומוקיר רבנן, ואיהו גופא מיניהו

לזכות

**מוה"ר יואל בן בלומא ברכה הי"ו**
**להצלחה בכל הענינים**

**ולזכות החתן החשוב**
**אברהם בן מירל הי"ו**

**והכלה הצוה"ח**
**דינא פרידא בת שרה זיסל שתחי"ו**

שהחתונה יהי' בשטומ"צ, ויהיה קשר של קיימא, ויבנה בית נאמן בישראל, ורוב תענג ונחת דקדושה כל הימים, בני חיי ומזוני, באנפין נהירין ובחדוא עילאה וימלא ה' כל משאלות ליבם לטובה ולברכה.

# יאמץ לבך

כ׳האב אמאל געזאגט איינעם א דוגמא וואס הייסט ״תמימות״; אז א מענטש זאל חס ושלום אפטון צוויי טויזנט עבירות – דער איבערשטער זאל אפהיטן, און עס קומט צו צוויי–טויזנט און איינס – צו נאך אַן עבירה; אָן תמימות טוט ער אפ דער עבירה – ער האט דאך שוין ממילא אפגעטון צוויי טויזנט עבירות – זאל זיין נאך אַן עבירה, וואס וועט דאס שוין אויסמאכן...

וואס זאגט אבער ״תמימות״? אז אזוי ווי משה רבינו טאר נישט טון די עבירה, אזוי טארסטו אויך נישט טון די עבירה – די זעלבע זאך!

דער עבר האט דיר גארנישט גע׳פטר׳ט, דו ביסט דער זעלבער איד! אזוי ווי משה רבינו איז מְצֻווה עס נישט צו טון, ביסטו פונקט אזוי מְצֻווה עס נישט צו טון. תמימות.

וואס איז געווען איז געווען, עס גייט מיר גארנישט אָן, עס איז דער זעלבער רבונו־של־עולם, די זעלבע תורה; תמימות – פאלג!.

דעמאלס איוב ער פאלגט, מאכט ער אזא מין תיקון אין דער רע, אזא מין תיקון! **נאך צוויי–טויזנט עבירות האט ער ממליך געווען דעם אויבערשטן!** ער קען איבערדרייען דער גאנצער זאך, ׳זדונות נתהפכין לזכיות; ווען? תמימות! אלץ דורך תמימות!

(מתוך הספר החדש ״דורשי יחודך״
יסודי היהדות ח״ב – מאמר ואני בתומי אלך)